## שוידערליכע טראגעדיע אין פלעטבוש, מידוואוד:

# זיבן קינדער פון חרדי'שע פאמיליע אומגעקומען פרייטאג צו נאכטס אין פייער

### מאמע גילה בת צפורה, און די טאכטער צפורה בת גילה קריטיש פארוואונדעט לרפו"ש, בתושח"י



**אבא חנא ריבקין**

ניו יארק. - אידן אומעטום איבער דער גארער וועלט, וואו שבת איז שוין פאראיבער - און מען האט געהערט די שרעקליכע גריסן פון ניו יארק וואו עס איז נאך געווען שבת - זענען אויפגעטרייסלט געווארן פון די שרעקליכע אומבאגרייפבארע טראגעדיע וואס האט פאסירט דעם פארגאנגענעם פרייטאג צו נאכטס, פ' ויקרא, אין די פלעטבוש-מידוואוד געגענט פון ברוקלין, אין וועלכן זיבן קינדער פון איין חרדי'שע פאמיליע זענען ל"ע טראגיש אוועקגעריסן געווארן פון דער וועלט, ווען א פייער וועלכע האט אויסגעבראכן אינמיטן נאכט אין זייער הויז אויף 3371 בעדפארד עוועניו, נעבן עוו. "על", און די קינדער האבן זיך רח"ל נישט געקענט ארויסראטעווען פון זייערע ברענעדיגע צימערן. דאקעגן די מאמע און איין 14 יעריגע טאכטער האבן זיך געראטעוועט ארויסשפרינגענדיג פון פענסטער, אבער זענען אין א גאר ערנסטן צושטאנד, ה"י. (די מאמע גילה בת צפורה, און די טאכטער צפורה בת גילה לרפו"ש, בתושח"י.)

לויט ווי די פייערלעשער פארשער געבן איבער, האט זיך דאס שרעקליכע פייער אנגעצינדן פון א שבת פלאטע ("האטפלעיט") וועלכע איז געלעגן אין קאך אויפ'ן אונטערשטן שטאק פון דעם ששון פאמיליע הויז, אויף וועלכן עס האבן זיך געווארעמט די מאכלי שבת, און ווי ס'שיינט איז אנטשטאנען אן עלעקטרישער קורצשלוס אין איינע פון די פלאטע דראטן פון וועלכן די פלאטע און דערנאך די גאנצע קאך "קאונטער" האט זיך אונטערגעצינדן, און פון דארט האט עס זיך צעשפרייט אויפ'ן גאנצן שטאק, און איז דערנאך "ארויפגעלאפן" די שטיגן צום צווייטן שטאק, וואו די מוטער גילה ששון מיט אירע אכט קינדער זענען געשלאפן (דער טאטע, ר' גבריאל ששון הי"ו האט שבת געוויילט אין מאנהעטן נעמענדיג אנטייל אין א "שבתון"), און האבן זיך נישט ערוועקט ביז זייערע צימערן זענען געווען איינגעהילט אין רויך און פלאמען רח"ל.

אין די לעצטע מינוט האט זיך די מאמע ערוועקט, און דערזען דעם שרעקליכן פייער וואס בוזשעוועט, און פרובירט לויפן צו די קינדער'ס צימערן וואס זענען געווען אויף די אנדערע זייט, צום אונטערשטן טייל פון הויז, אבער דער וועג איז שוין געווען פארשטעלט מיט א שרעקליכן שווארצן רויך און פייער פון וועלכן די מאמע איז שרעקליך אפגעברענט געווארן, און האט קוים געראטעוועט איר לעבן ווען זי האט אין פאניק צעבראכן א פענסטער אין איר צימער און איז ארויסגעשפרינגען פון צווייטן שטאק, און זיך דערביי צעבראכן עטליכע ביינער ל"ע. אויך א 14 יעריגע טאכטער האט זיך ערוועקט אין די לעצטע סעקונדע, ווען איר בעט איז שוין געווען איינגעהילט אין פלאמען, און האט זיך קוים געראטעוועט ווען אויך זי איז ארויסגעשפרינגען פון א פענסטער צו דער גאס.

באלד נאכ'ן ארויסשפרינגען און טראץ אירע שווערע בראך און בראנד וואונדען, האט די מאמע גענומען היסטעריש שרייען און בעטן הילף צו ראטעווען אירע קינדער, בעטענדיג מיט יאמערליכע געוויינען, "מיינע קינדער זענען פארכאפט דארט אויבן אין די פלאמען! איך בעט אייך, פרובירט זיי ראטעווען, ראטעוועט זיי ארויס!" אבער די שכנים וועלכע האבן זיך ערוועקט אין דער בהלה און זענען זאפארט געקומען צו לויפן, האבן נישט צופיל געקענט העלפן, אין ליכט פון די ריזיגע פלאמען און פייער צונגען וואס האבן ארויסגעשאסן פון אלע עפענונגען פונעם הויז.

איין שכן האט דערציילט פאר "די צייטונג" ווי ער האט פארדרייט זיין טלית קטן ארום זיין מויל און נאז און פרובירט אריינגיין ראטעווען, אין די ערשטע מינוטן ווארטענדיג אויף די פייערלעשער, אבער אן דערפאלג. דער רויך איז געווען צו געדיכט, ממש פינסטער פאר די אויגן, מ'האט גארנישט געקענט זען סיידן די אראנזשע פלאמען רח"ל.

די פייערלעשער, וועלכע זענען זאפארט אלארמירט געווארן פון א שכן, האבן דערהאלטן דעם ערשטן טעלעפאן קאל איבער דעם שרעקליכן פייער, 12:23 פרייטאג צו נאכטס, און ביז 3 מינוט און 25 סעקונדן זענען די ערשטע פייערלעשער שוין אנגעקומען, און אנגעפאנגען לעשן דאס פייער, ווען די גאנצע צייט הערן זיך די בלוט פארגליווערענדע און ווייטאגליכע געבעטן און פארלאנגען פון די פארוואונדעטע פארצווייפעלטע מאמע, אז מען זאל ראטעווען אירע קינדער.

דערווייל איז די מאמע אפגעפירט געווארן אין דזשעקאבי שפיטאל אין בראנקס, וואס איז דאס בעסטע פאר אזעלכע קריטישע בראנד וואונדן, וואו זי געפינט זיך אין א קריטישן צושטאנד. די 14 יעריגע טאכטער איז אפגעפירט געווארן צום נאענטערן סטעטן איילאנד יוניווערסיטי שפיטאל, וואו אויך זי געפינט זיך אין גאר א שווערן צושטאנד.

עס האט געדויערט עטליכע מינוט ביז עס איז געלונגען פאר די פייערלעשער צו לעשן דאס פייער וואס האט געפלאקערט ביים אריינגאנג פון הויז, און האבן פון דארט פרובירט אנקומען צו די טרעפ וואס פירט ארויף צום צווייטן שטאק, אבער דער טויטליכער געדיכטער רויך און דער בוזשעוועדער פייער האט זיי פאר גאר קריטישע מינוטן אפגעהאלטן פון פארשריט, ביז עס איז זיי ענדליך געלונגען איינצוצוימען דעם פייער, און אנקומען צום צווייטן שטאק, וואו זיי האבן אינעם געדיכטן רויך און טאפעדיגע פינסטערניש געפונען די זיבן קינדער, דריי אין איין צימער, און פיר אין א צווייטן צימער.

ליידער איז שוין איינער פון די אינגלעך, דער אכט יעריגער משה ששון ע"ה (ער איז געווען אן אויסערגעווענליך בא'חנ'ט קינד, ווי זיינע חדר חברים דערציילן), נישט געווען בין החיים, ווען די פייערלעשער האבן אים ארויסגעשלעפט פונעם ברענענדיגן הויז.




# וכל בית ישראל יבכו את השריפה:

דאקעגן די אנדערע 6 קינדער האבן נאך יא געלעבט און זענען געווען אין גאר א שרעקליך קריטישן צושטאנד.

די עלטסטע (זעכצן יעריגע) טאכטער, עליאן ששון, איז אין איילעניש אפגעפירט געווארן אין מיימאנידעס שפיטאל וואו זי האט ליידער אויסגעהויכט די נשמה. די זעקס יעריגע טאכטער שרה, און איר 5 יעריגער ברודער יעקב, זענען אפגעפירט געווארן צום בית ישראל שפיטאל אין מאנהעטען, אבער אויך דארט האט מען נישט באוויזן זיי צו ראטעווען, און זיי זענען ליידער נפטר געווארן. די אנדערע דריי קינדער, די 11 יעריגע רבקה, דער 12 יעריגער דוד, און דער 10 יעריגער יושע, זענען אפגעפירט געווארן צו "קאמיוניטי האספיטעל", אבער אויך זייער לעבנס האט מען דארט ליידער נישט באוויזן צו ראטעווען. אזוי האט זיך ארויסגעשטעלט דער שוידערליכער מאסשטאב פון די ביטערע טראגעדיע.

שפעטער האט א שכן מיט'ן נאמען ראזענבלאט דערציילט פאר די פרעסע אז ער האט געהערט דעם פארגליווערענדן הילף געשרייען פון איינע פון די קינדער אינעם ברענענדיגן הויז, ועמענ'ס שטימע עס האט זיך ארויסגעהערט צווישן זשומענדע קלאנגען פונעם פייער, בעטנדיג זיך מיט זיין קינדערישע שטימע: **מאמי, העלף מיר, מאמי, העלף מיר!** (ה"י). איך האב אריינגעקוקט אין פענסטער און געזען די פלאמען און רויך, עס איז פשוט געווען שרעקליך, און עס האט אויפגעטרייסעלט אלע וואס האבן עס געהערט אויפ'ן גאס.

אלעס אינאיינעם האבן איבער הונדערט פייערלעשער אומערמידליך געארבייט צו לעשן דאס פייער, וואס האט דערגרייכט צו 2 אלארמס. עס איז ענדליך געברענגט געווארן אונטער קאנטראל אומגעפער 1:30 פארטאגס, אבער צו שפעט פאר די 7 אומגעקומענע קינדער, די זיבן ריינע אידישע נשמות, וועלכע זענען אזוי שרעקליך און טראגיש אוועקגעריסן געווארן אין דעם ביטערן אומגליק, און פאר די שווער פארוואונדעטע מאמע און איר 14 יעריגע טאכטער וועלכע נויטיגן זיך אין רחמי שמים מרובים פאר ערהוילונג, און נאכמער צו קענען איבערטראגן די שרעקליכע פרעצעדענטלאזע טראגעדיע פון פארלוסט און חורבן.

דער גערודער און פייפעריי פון די פייערלעשער טראקס האט לאנג אנגעהאלטן, און האט געברענגט שרעק אין אידישע הייזער וואו מען האט נישט געקענט אנפרעגן וואס דא האט פאסירט. די "נייגעריגע" וואס זענען יא צוגעגאנגען די פאר בלאק צום פייער האבן שוין נישט געקענט שלאפן, און די וואס זענען יא איבערגעשלאפן די נאכט האבן צופרי געהערט די בשורת איוב, די אומבאגרייפבארע טראגעדיע אז אין טאג פון ר"ח ניסן, ווען נדב און אביהוא זענען פארברענט געווארן אין ביהמ"ק, האט א אידישע מאמע פארלוירן 7 קינדער אין א פייער אין א אידישע היים, א מקדש מעט, וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה'.

א שכן, ר' נטע וועבער, האט דערציילט, אז ער איז געשטאנען אינדרויסן פונעם ברענענדיגן הויז, ווען דער געדיכטער רויך איז געקומען אין זיין ריכטונג, און ער האט באלד פארשטאנען אז דער מצב דא איז זייער נישט גוט. דאן האב איך געזען ווי די הצלה און רעטונג ארבייטער, שלעפן ארויס מענטשן אויף אמבולאנס בעטן (סטרעטשערס), און כ'האב זיך באלד אויסגעדרייט נישט קענענדיג צוזען דעם צושטאנד פון די מענטשן-קינדער, ווען מיר אלע אינעם געגענט האבן גוט געקענט.

אפילו דער נ.י. סיטי פייער קאמישאנער, דעניאל נייגראו, וועלכער האט אין א פרעסע קאנפערענץ צופרי איבערגעגעבן די איינצלהייטן וואס זענען דערווייל באקאנט איבער דעם שרעקליכן פייער, איז געווען קענטיג צעשוידערט פון די טראגעדיע, וואס ער האט באצייכנט אלס די ארגסטע אין ניו יארק אין אכט יאר (ביי א פייער אין בראנקס, אין 07', זענען אכט קינדער און איין ערוואקסענער פון אפריקאנער אימיגראנטן פאמיליעס וואס האבן געוואוינט אינאיינעם, אומגעקומען אין א פייער אין אן אלט הונדערט יעריג הויז), צולייגענדיג אז דאס איז א טראגעדיע פאר די ספעציפישע פאמיליע, א טראגעדיע פאר די לאקאלע (אידישע) געמיינדע, און א טראגעדיע פאר די גאנצע שטאט. לויט אים זענען די קינדער אומגעקומען פון אריינאטעמען רויך, גיפטיגע קארבאן מאנאקסייד וואס דאס פייער האט פאראורזאכט, און בראנד וואונדן. ה"י.

נייגראו האט אויך געזאגט, אז מען האט ביז דערווייל געזען בלויז איין "סמאוק דעקטעקטאר" אין בעיסמענט. נאכמיטאג איז שוין געווען אויפגעשטעלט א טישל מיט פייערלעשער וואס האבן פארטיילט אינפארמאציע איבער די וויכטיגקייט פון די מאשינען, אז עס דארף זיין אויף יעדן שטאק. אויך האט מען געבעטן נישט צו נוצן האטפלעיטס, אויף א גאנצן מעת-לעת, אבער מ'אנערקענט די געברויכן פון שומרי שבת.

(די פייערלעשער האבן אויסגעטיילט אינפארמאציע און באטעריס פאר סמאוק דעטעקטארס זונטאג בייטאג אין פלעטבוש.)

מעיאר דיבלאזיא האט שפעטער באזוכט, און איז ארומגעגאנגען אין דעם פארברענטן הויז. ער איז געווען קענטליך שטארק גערירט ווען ער האט גערעדט מיט שכינים, הערנדיג נאר גוטס, איבערהויפט ווי די קינדער פלעגן העלפן אנדערע. ער האט געזאגט פאר די פרעסע, אז אלס א טאטע, פארשטייט ער פערזענליך דעם צער פון פארלירן קינדער, און יעדער זאל מתפלל זיין פאר די מאמע און טאכטער וואס זענען אין שפיטאל, און פאר דעם צעבראכענעם טאטע.

אין די ערשטע שטונדען נאכ'ן פייער האט די פאליציי נישט פארעפענטליכט די אידענטיטעט פון די פאמיליע און די נעמען פון די קינדער, אנגעבליך ווייל זיי האבן צוערשט געוואלט איבערגעבן די שוידערליכע נייעס פאר'ן טאטען. וויבאלד מען האט אים נישט "געכאפט" וואו ער איז געווען אין מאנהעטען. ערשט נאכמיטאג האט מען באוויזן צוצוקומען צו אים און אים איבערגעבן די שוידערליכע נייעס, האט מען פארעפענטליכט דער נאמען פון די פאמיליע און פון די קינדער.

דער טאטע שטאמט פון ארץ ישראל, און די פאמיליע האט דארט געוואוינט ביז צוויי יאר צוריק אינעם הר נוף קווארטאל אין ירושלים, ווען זיי זענען געקומען וואוינען קיין פלעטבוש אין די געגענט פון די כאלב סיריער אידישע געמיינדע. די מאמע איז אן אמעריקאנער, און שטאמט פון ניו דזשוירזי.

ווען דער טאטע, ר' גבריא' ששון הי"ו האט געהערט די אויפטרייסלענדע נייעס האט ער צוערשט נישט געוואלט גלויבן וואס זיינע אויערן הערן, אבער נאכדעם וואס ער האט באגריפן אז דער ביטערער קאשמאר איז ליידער א מציאות, איז ער געפאלן אין חלשות אז מען האט אים געדארפט מונטערן, און נאכדעם האט ער זיך גענומען כליפן און מען האט אים נישט געקענט טרייסטן.

באלד מוצש"ק איז דער טאטע געפארן צום בית ישראל שפיטאל וואו די טאכטער איז האספיטאליזירט, און דערנאך צו זיין ווייב אין די בראנקס שפיטאל, און שפעט ביינאכט איז ער געפארן קיין פלעטבוש, און האט דארט דערזען דעם שרעקליכן חורבן.

*

דער נאמען פון די מאמע, מתפלל צו זיין לרפו"ש בתושח"י: גילה בת צפורה, און דער נאמען פון די טאכטער וועלכע איז אין גאר א שווערן צושטאנד איז ציפורה בת גילה לרפו"ש בתושח"י.

*

מוצ"ש און זונטאג צופרי איז מען ארומגעגאנגען מיט אראפגעלאזטע קעפ. טייל האבן געצינדן ליכט נעבן דעם פארברענטן הויז, און מען האט זיך געגרייט צו די לוויות זונטאג נאכמיטאג ביי "שומרי הדת" אין בארא פארק. די נפטרים וועלן דערנאך אפגעפירט ווערן לקבורה אין ארץ ישראל.

**תנצב"ה. וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה'.**




